Publié par
l'Association pour
l'Étude et la Diffusion
de la Culture Yiddish
et la Bibliothèque
Medem

# דער ייִדישער
# טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש־לימוד און פֿון דער
מעדעם־ביבליאָטעק

ניסן תּש״ס/אַפּריל 2000

יאָר 5, נומער 4 (24)

# „אי־בוק"
## נײַעס פֿונעם פּאַריזער ביכער־סאַלאָן[1]

**אינעם 20סטן ביכער־סאַלאָן, וואָס קומט פֿאָר יעדעס יאָר אין מאַרץ אין פּאַריז, האָט דער עולם[2] געהאַט דעם כּבֿוד[3] צו אַנטדעקן דאָס לעצטע טשיקאַוועס[4], אַן עלעקטראָניש בוך, וואָס וועט אַ פּנים[5] זײַן דאָס בוך פֿונעם 21סטן יאָרהונדערט.**

דער נײַ־געבוירענער זעט אויס ווי אַ מיני־קאָמפּיוטער, אָדער בעסער, ווי אַ קינדס כּישוף־טאָוול[6]. מע קען אים האַלטן אין דער האַנט, אַרײַנשטעקן אין קעשענע אָדער אין בײַטל און אַפֿילו מיטנעמען אויף אַ רײַזע. ער קען אַרײַנשלינגען וואָס פֿאַר אַ[7] ביכער פֿון וואָס פֿאַר אַ שרײַבער איר ווילט און ווען עס גלוסט זיך אײַך לייענען, גיט איר אים אַ קוועטש און ער כאַפּט זיך אויף, ווערט ליכטיק און געהאָרכיק[8], און שפּײַט אויס אויפֿן עקראַן די מעשׂה וואָס איר האָט אויסגעקליבן. ווען איר ווערט מיד, גיט איר אים נאָך אַ קוועטש, ער זאָל זיך אויסלעשן[9] און אײַנשלאָפֿן. ווי הייסט ער? זײַן נאָמען איז פּשוט[10], נישט זייער אָריגינעל, ער קומט פֿון אַמעריקע און הייסט „אי־בוק".

### אַ שטים קעגן

ווען מע זאָגט דאָס וואָרט „אי־בוק" קלינגט עס אויף ייִדיש אַ ביסל ווי „דיבוק[11]" (אפֿשר וואָלט מען אים געדאַרפֿט אַרויסרעדן „איבעק"). אַ דיבוק גנבֿעט זיך אַרײַן[12] אין אַ מענטשנס גוף און נעמט אײַן[13] זײַן נשמה[14]. דער „אי־בוק" איז אויך אַ ווירטועלע זאַך, וואָס קריכט אַרײַן אינעם לעבעדיקן גוף פֿון ביכער, שעפּט אַרויס[15] פֿון זיי דעם זאַפֿט[16] און פֿאַרכאַפּט די נשמה זייערע.



**פּראָטאָטיפּ פֿון אי־בוק**

אין זײַן טראַדיציאָנעלן געשטאַלט[17] האָט אַ בוך אַ וואָג, אַ קאָליר, אַ ריח[18]... עס קען זײַן אַלט אָדער יונג, רײַך אָדער אָרעם, שטאָלץ אָדער באַשיידן. עס קען זײַן האַרט אָדער ווייך, ריין אָדער פֿאַרשמוצט. יעדעס בוך האָט זײַן אייגענע באַזונדערקייט, יעדעס באַהאַלט אַ סוד[19]. אַ סך ביכער זענען איבערגעגאַנגען פֿון דור צו דור[20], אַ סך האָבן געלעבט אין גלות[21] ווײַל מע האָט זיי פֿאַרווערט אין זייער היימלאַנד. אַנדערע האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן מע זאָל זיי נישט פֿאַרברענען. אַ בוך איז פֿאַר יעדן ווי אַ פֿרײַנד, עס קען אײַך טרייסטן, עס קען אײַך דערפֿרייען. מע טרעפֿט עס מיט פֿאַרגעניגן ווען מע קומט צוריק אַהיים. מע קען עס אָנרירן, אויפֿמישן[22], בלעטערן[23], לייענען נאָך אַ מאָל די זעלבע זײַטן. עס בלײַבט געטרײַ. די אותיות[24] שווימען נישט אַוועק...

וואָס קען מען פֿילן מיט אַן „אי־בוק"? ער בלײַבט קאַלט און טויט. וועט דער דאָזיקער גולם[25] באמת[26] זײַן דאָס בוך פֿון דער צוקונפֿט? וועט ער מיט זײַן עלעקטראָנישן כּוח אַ סוף מאַכן צו אונדזערע ביבליאָטעקן?

### אַ שטים פֿאַר

דער „אי־בוק" – אַ שאַפֿונג פֿונעם שׂטן[27]? אַ באַשעפֿעניש וואָס האָט פֿײַנט ביכער און וויל זיי צעשטערן[28]? ניין, טײַערע פֿרײַנד, האָט נישט קיין מורא[29]! דער „אי־בוק" איז נישט קיין דיבוק. ער איז אַ גולם, אָבער אַ גוטער גולם, אַ געטרײַער באַדינער, וואָס איז אין גאַנצן איבערגעגעבן[30] אי די לייענערס אי די מחברים.[31] פֿון זיי אַליין שעפּט ער זײַן גאַנץ חיות[32]. ס'וועט ווערן גרינגער צו באַקומען, און אַזוי אַרום צו פֿאַרשפּרייטן, אַלטע און זעלטענע ביכער.

די לייענער וועט דער „אי־בוק" טאַקע פֿאַרגרינגערן דאָס לעבן. עלטערע מענטשן וועלן קענען זיך פֿאַרגרעסערן די אותיות. די וואָס פֿאָרן אַ סך אַרום מיט זייערע ביכער וועלן האָבן ווייניקער צו טראָגן.

(סוף זײַט 7)

1. "e-book", Salon du Livre, Porte de Versailles, 17-22 mars 2000 2. OYLEM public 3. KOVED honneur/honor 4. curiosité/curiosity 5. APONEM apparemment/apparently 6. KISHEF-... ardoise magique/magic slate 7. n'importe quel(s)/any kind of 8. obéissant/obedient 9. éteindre/turn off 10. POSHET simple 11. DIBEK dibbouk/dybbuk 12. GANVET... s'insinue/creeps into 13. s'empare de/ takes possession of 14. NESHOME âme/ soul 15. puise/draws out 16. sève/sap 17. forme/form 18. REYEKh odeur/smell 19. SOD secret 20. DOR génération 21. GOLES exil/exile 22. ouvrir (un livre)/open (a book) 23. feuilleter/leaf through 24. caractères/letters 25. GOYLEM Golem 26. BEEMES vraiment/really 27. SOTN Satan 28. détruire/destroy 29. MOYRE peur/fear 30. dévoué/devoted 31. MEKhABRIM auteurs/authors 32. KhIES force vitale/life force.

# יעקבֿ דער ליגנער[1]

**אין די לעצטע פּאָר יאָר זײַנען אַרויס עטלעכע פֿילמען וואָס פּרוּוון צו באַהאַנדלען די חורבן[2]־טעמאַטיק אויף אַ נײַעם אופֿן[3] – ניצנדיק אַ סך פֿאַנטאַזיע און אַפֿילו עלעמענטן פֿון קאָמעדיע. צוויי פֿילמען אַזעלכע – *דאָס לעבן איז שיין* און *די באַן פֿון לעבן* – האָבן מיר קאָמענטירט אין פֿריִערדיקע נומערן פֿונעם *טעם־טעם*. צו דעם דאָזיקן זשאַנער געהערט אויך *יעקבֿ דער ליגנער*.**



**דער שרײַבער יורעק בעקער**

מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט זיך אין פֿראַנצייזישע קינאָס באַוויזן אַ פֿילם פֿון פּיער קאַסאָוויץ מיטן טיטל *יעקבֿ דער ליגנער*. אויף די פּלאַקאַטן האָט מען געקענט זען ראָבין וויליאַמס מיט אַ געלער לאַטע אויף די פּלייצעס און לייענען, אַז דער פֿילם שטיצט זיך אויף אַ ראָמאַן פֿונעם דײַטשישן שרײַבער יורעק בעקער[4]. אָבער קאַסאָוויצעס ווערק איז נישט דער ערשטער פֿילם וואָס מע האָט געמאַכט פֿון *יעקבֿ דער ליגנער*. אין דער אמתן האָט דאָס ווערק אַ גאָר אינטערעסאַנטע געשיכטע. נאָר לאָמיר קודם־כּל[5] דערמאָנען די מעשׂה: זי שפּילט זיך אָפּ בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין אַ געטאָ אין פּוילן. דער הויפּטהעלד, יעקבֿ, הערט צופֿעליק פֿון אַ דײַטשישן ראַדיאָ־אַפּאַראַט אַז די רוסישע אַרמיי האַלט שוין בײַ אַ שטעטל ניט ווײַט פֿון זייער געטאָ. ער דערציילט די דאָזיקע בשׂורה[6] זײַנעם אַ פֿרײַנד און כּדי יענער זאָל אים גלייבן, זאָגט ער, אַז ער האָט אַליין אַ ראַדיאָ. די ידיעה[7] פֿאַרשפּרייט זיך גיך און פֿון דעם טאָג אָן מאָנען[8] אַלע בײַ אים פֿרישע נײַעס. יעקבֿ שטייט פֿאַר אַ דילעמע: ווײַטער „זאָגן ליגן“, דאָס הייסט, אויסטראַכטן פֿרישע „גוטע נײַעס“ כּדי מע זאָל האָבן עפּעס אין וואָס צו גלייבן, אָדער זאָגן דעם אמת, מודה זײַן[9] אַז ער ווייס מער גאָרנישט, און אַזוי אַרום אַוועקנעמען די האָפֿענונג.

דער מחבר[10], יורעק בעקער (אַ געבוירענער אין לאָדזש 1937), האָט אין 1965, וווינענדיק אין מיזרח־בערלין[11], געשריבן די מעשׂה אין פֿאָרעם פֿון אַ פֿילם־סצענאַר, אָבער צוליב פּאָליטישע סיבות[12] האָט מען אים געלאָזט ליגן אין שופֿלאָד. שפּעטער האָט בעקער איבערגעאַרבעט דעם סצענאַר אין אַ ראָמאַן, וואָס האָט זייער אויסגענומען[13] בײַ דער קריטיק און געקראָגן צוויי ליטעראַרישע פּרעמיעס. סוף־כּל־סוף[14] האָט מען יאָ געקענט מאַכן דעם פֿילם. ער איז אַרויס אויף די עקראַנען אין 1974 אונטער דער רעזשי פֿון פֿראַנק בײַער. אויך דער פֿילם האָט געהאַט אַ סך דערפֿאָלג. דער טשעכישער אַקטיאָר וולאַסטימיל בראָדסקי (וואָס שפּילט די ראָלע פֿון יעקבֿ) האָט געקראָגן אַ זילבערנעם בער אויפֿן בערלינער פֿעסטיוואַל און דער פֿילם איז אויך נאָמינירט געוואָרן פֿאַרן אָסקאַר ווי דער בעסטער אויסלענדישער פֿילם. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז יורעק בעקער אויסגעשלאָסן[15] געוואָרן פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט זיך באַזעצט אין מערבֿ־בערלין[16], נאָך געשריבן ראָמאַנען און געשטאָרבן אין 1997.

דאָ ניט לאַנג האָט דער געטע־אינסטיטוט[17] אין פּאַריז געוויזן פֿראַנק בײַערס פֿילם און אַזוי אַרום האָט מען געהאַט די מעגלעכקײַט צו פֿאַרגלײַכן אַלע דרײַ ווערק – דעם ראָמאַן און בײדע פֿילמען.

## מער אַ קאַריקאַטור פֿון ראָמאַן ווי זײַן אַדאַפּטאַציע

דער ראָמאַן איז אַוודאי מער קאָמפּלעקס, מיט פֿיל זײַטיקע אינטריגעס, וואָס זענען ניטאָ אין בײַערס פֿילם. פֿונדעסטוועגן[18] האָבן בײדע ווערק דעם זעלביקן גײַסט. דאָס קען מען ליידער נישט זאָגן וועגן קאַסאָוויצעס פֿילם, וואָס ערשטנס גיט ער צו פֿרישע, גאַנץ אומנייטיקע מאָטיוון, אָבער דער עיקר בײַט ער אין גאַנצן בעקערס טאָן און סטיל. פֿון הומאָר ווערט בײַ אים גראָטעסק, פֿון פּשטות[19] נאַרישקייט, און פֿון מיזרח־אייראָפּע האָליוווּד. ס'איז מער אַ קאַריקאַטור פֿונעם ראָמאַן ווי זײַן אַדאַפּטאַציע. די העלדן, וואָס בײַ בעקערן זענען זיי נאָרמאַלע מענטשן, ווערן בײַ קאַסאָוויצן גאָר שוטים[20], דער עיקר דער עקס־באָקסער מישאַ, וואָס האָט אינעם פֿילם אַ טבֿע[21] צו שרײַען „געסטאַפּאָ“ ווען ער קומט צו עמעצן צו גאַסט... אָט, אַזאַ שפּאַס! דער זעלביקער מישאַ איז אויך איינער פֿון די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון אַ ווידערשטאַנד־גרופּע, כאָטש אין בוך זאָגט דער נאַראַטאָר בפֿירוש[22] אַז קיין ווידערשטאַנד איז בײַ זיי אין געטאָ ניט געווען. אויך אין גאַנצן אויסגעטראַכט פֿאַרן פֿילם זײַנען א פֿולער אָרקעסטער מיט זינגערינס, וואָס יעקבֿ זאָגט אַז זיי וועלן באַגלייטן די אַמעריקאַנישע טאַנקען. מן־הסתּם[23] האָט מען דאָס צוגעגעבן ווײַל אָן דעם וואָלטן נישט געווען גענוג „ספּעציעלע עפֿעקטן“. אַפֿילו די סצענאָגראַפֿיע, וואָס בײַ בײַערן זעט זי אויס גאָר נאַטירלעך איז בײַ קאַסאָוויצן עפּעס קינסטלעך[24], איבערגעטריבן. מע זעט גלײַך אַז די מענטשן זענען ניט קיין געטאָ־אײַנוווינער, נאָר געזונטע, גוט דערנערטע[25] אַמעריקאַנער. אַפֿילו דאָס שמוץ אויף די ווענט זעט אויס ווי אַ טעאַטער־דעקאָראַציע. ס'איז אַ שאָד, אַז דווקא קאַסאָוויצעס פֿילם וועט בלײַבן בײַם עולם אין זכּרון[26]. גוט וואָס מע קען נאָך לייענען דעם ראָמאַן.

1. Jacob le menteur/Jacob the Liar 2. KHURBN Shoah 3. OYFN manière/way, manner 4. Jurek Becker: Jakob der Lügner, *trad. française* “Jacob le Menteur”, Paris, Grasset, 1988 5. KOYDEM KOL tout d'abord/first of all 6. PSURE נײַעס 7. YEDIE information 8. réclamer/demand 9. MOYDE … avouer/admit 10. MEKHABER auteur/author 11. MIZREKH… Berlin-Est/East Berlin 12. SIBES raisons/reasons 13. a eu du succès/was a success 14. SOFKL-SOF enfin/finally 15. exclu/expelled 16. MAYREV… Berlin-Ouest/West Berlin 17. Goethe Institut 18. néanmoins/nevertheless 19. PASHTES simplicity/simplicity 20. SHOYTIM idiots/fools 21. TEVE habitude/habit 22. BEFEYRESh explicitement/explicitly 23. MINASTAM probablement/probably 24. artificiel/artificial 25. bien nourris/well-fed 26. ZIKORN mémoire/memory.

# זלמן שניאור[1]

## אַ סך־הכּל[2] פֿאַר אָנהייבער און אַן אַרײַנפֿיר פֿאַר אַלע



דעם 1טן אַפּריל איז אין דער מעדעם־ביבליאָטעק פֿאָרגעקומען אַ ליטעראַרישער נאָכמיטאָג געווידמעט[3] דעם שרײַבער זלמן שניאור און זײַן ראָמאַן *נח פּאַנדרע*[4], וואָס דער פֿאַרלאַג[5] גאַלימאַר האָט פּובליקירט אין פֿראַנצייזיש.

דאָס בוך איז געוואָרן אַ „בעסטסעלער", גאַלימאַר וועט באַלד אַרויסגעבן אַלע שניאורס ווערק אויף ייִדיש, און בערנאַר פּיוואָ[6] וועט אײַנלאַדן דעם אויטאָר אויף זײַן באַרימטער[7] טעלעוויזיע־פּראָגראַם... כאַ כאַ כאַ ! אַלץ אַ ליגן ! מע האָט אײַך אָפּגענאַרט[8] ! ווען מע האַלט אַ רעפֿעראַט[9] אַן 1טן אַפּריל מעג מען זיך ריכטן[10] אויף אַזעלכע וויצן און שפּאַסן ! אָבער אמת[11] איז אַז צוויי פֿון שניאורס ווערק זײַנען יאָ לעצטנס אַרויס אין פֿראַנקרײַך : *שקלאָווער ייִדן*[12] אין 1998, איבערגעזעצט צום ערשטן מאָל אויף פֿראַנצייזיש און איצט אַ נײַע אויפֿלאַגע[13] פֿון *נח פּאַנדרע*.

ווער איז זלמן שנאיור ? אַ באַרימטער שרײַבער אין זײַן צײַט, אַ וויכטיקער אויטאָר אי אויף ייִדיש אי אויף העברעיִש. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1886 אין שקלאָוו, אַ שטעטל אין ווײַסרוסלאַנד. איינער פֿון זײַנע אָבֿות[14] איז געווען ר' שניאור־זלמן[15] פֿון ליאַדי, דער גרינדער[16] פֿון דער לובאַוויטשער חסידישער[17] דינאַסטיע . שניאור איז אַוועק פֿון זײַן היים יונגערהייט[18] און אַ סך אַרומגעפֿאָרן איבער דער וועלט, געוווינט אין די דרײַסיקער יאָרן אין פּאַריז, (ווו ער האָט שטודירט אינעם אוניווערסיטעט פֿון סאָרבאָן) נאָך דעם געלעבט אין ניו־יאָרק און צום סוף זיך באַזעצט[19] אין ישׂראל. ער איז געשטאָרבן אין 1959.

אויף העברעיִש האָט שניאור געשריבן דער עיקר[20] פּאָעזיע, אויף ייִדיש דער עיקר פּראָזע. זײַנע לידער אויף ייִדיש זײַנען אויך גוט באַקאַנט, און עטלעכע – ווי *מאַרגעריטקעלעך* (זײַט 5) זײַנען געוואָרן אַזוי פּאָפּולער אַז אַ סך מענטשן מיינען אַז זיי זײַנען פֿאָלקסלידער. זײַן שטעטל שקלאָוו האָט אינספּירירט אַ גרויסע טייל פֿון זײַן שאַפֿונג[21]. *שקלאָווער ייִדן* באַשרײַבט דאָס קליינשטעטלדיקע ייִדישע לעבן וואָס ער האָט געדענקט[22] פֿון זײַנע קינדער־יאָרן[23]. מיר גיבן דאָ פֿראַגמענטן פֿונעם ערשטן קאַפּיטל, זײַט 4), ווי אויך[24] אַן אינטערוויו מיט דער איבערזעצערין. *נח פּאַנדרע* איז אַ לאַנגער ראָמאַן וואָס זײַנע העלדן[25] זײַנען נישט די פֿרומע און געלערנטע, נאָר פּראָסטע[26] ייִדן, אַרבעטער און בעל־מלאכות[27], ווי דער הויפּטהעלד נח, וואָס אַרבעט ווי אַ בעל־עגלה[28]. שניאורס פּראָזע איז אַ רײַכע און אַ טעמעוודיקע[29], די אַוואַנטורעס זײַנען אי קאָמיש אי גראָטעסק און מע פֿילט אין אַלץ וואָס ער שרײַבט אַ טיפֿע ליבשאַפֿט צו דער נאַטור און צו זײַנע העלדן.

אויפֿן נאָכמיטאָג האָט מען פֿאָרגעלייענט אַ טייל פֿון *נח פּאַנדרע* אין ייִדיש און אין פֿראַנצייזיש, אַ מין[30] „קאָנצערט פֿאַר צוויי שטימעס" וואָס האָט שטאַרק הנאה[31] געטאָן דעם עולם[32]. אַ פֿאָרשטייער[33] פֿון גאַלימאַר האָט געזאָגט אַז ער אַליין האָט הנאה געהאַט לייענענדיק דעם ראָמאַן און אַז דער פֿאַרלאַג איז גרייט אַרויסצוגעבן אַנדערע איבערזעצונגען פֿון ייִדיש אין די ראַמען[34] פֿון דער קאָלעקציע „פֿון דער גאַנצער וועלט[35]".

3

1. ZALMEN SHNEYER 2. SAKHAKL résumé/summary 3. consacré/devoted 4. NOYEKH... *Le Chant du Dnieper*, Zalman Shnéour, Gallimard, 2000 5. maison d'édition/publishing house 6. Bernard Pivot/French TV personality, host of literary talk show "Bouillon de Culture" 7. célèbre/famous 8. "on vous a bien eus", fait marcher/fooled 9. conférence/lecture 10. s'attendre/expect 11. EMES... c'est vrai/it's true 12. *Oncle Uri et les siens*, Zalman Shnéour, Liana Levi, 1998 13. édition 14. OVES ancêtres/ancestors 15. SHNEYER-ZALMEN 16.fondateur/founder 17. KHSIDISHER hassidique/Chasidic 18. dans sa jeunesse/in his youth 19. installé/settled 20. DER IKER surtout/mainly 21. œuvre/work 22. se rappelait/remembered 23. enfance/childhood 24. de même que/as well as 25. héros, protagonistes/heroes, characters 26. simple, humble/plain, common 27. BALMELOKHES artisans 28. BALEGOLE charretier/wagon driver 29. TAMEVDIKE savoureux/flavorful *de/from :* טעם goût/taste 30. MIN sorte de/kind of 31. HANOE plaisir/pleasure 32. OYLEM public 33. représentant/representative 34. dans le cadre de/as part of 35. Collection "Du monde entier"/title of collection.

# פֿונעם בוך *שקלאָווער ייִדן*

## ווי איר קענט באַמערקן פֿון סאַמע אָנהייב, איז זלמן שניאור אַן אמתער ליטוואַק – בײַ אים איז אַ שטעטל אַ „זי“ און ער איז אין גאַנצן ניט אויסגעהאַלטן מיט די מינים...

איך קען אַ שטעטל אין ווײַס־רוסלאַנד אויפֿן דניעפּר. שקלאָוו הייסט זי. איך בין דאָרטן געבוירן געוואָרן און אין חדר געגאַנגען. דערפֿאַר קען איך זי אַזוי גוט.

דער פֿלאַם פֿון לעבן ברענט דאָרטן רויִק. קיינער דרייט אים ניט צופֿיל אַרויס[1]. מען איז מיט אים שפּאָרעוודיק[2] אַזוי ווי מיט נאַפֿט[3]. ער פֿלאַקערט ניט און רויכערט ניט; ווי דער נר־תּמיד[4] אין דער קאַלטער שול[5].(...)

די ייִדישע מיידלעך מיט וואַרעמע פֿאַטשיילעס[6] אויף די דינע פּלייצעס פֿאַרפֿומירן זיך דאָרטן ניט. פֿונדעסטוועגן שמעקט פֿון זיי מיט געזונטע ריחות[7] : מיט היי, מיט פֿריש געבאַקענעם קימלברויט[8], מיט רויטע יאַגדעס[9]. פֿאַרנאַכט זיצן זיי אויף די גרינע גאַניקעס[10] און זינגען שטילערהייט. אַזוי בענקען זיי נאָך אַ באַשערטן[11]. און אַז זיי האָבן חתונה, זיצן שוין אַנדערע מיידלעך אויף זייער אָרט און זשומען פֿאַרבענקטערהייט, ווי פֿאַרבלאָנדזשעטע ביניכעס[12]. (...)

אַרומגערינגלט איז דאָס שטעטל מיט ווענט פֿון סאָסנעס[13], דורכגעבראָכן ווו־ניט־ווו[14] מיט גרינע אָפֿענע טויערן. דאָס זענען ווילדע וועגן, וואָס פֿירן צו פּאָלעסיע[15]. אין דער וואָכן קריכן פֿון דאָרטן גויים מיט קלייניטשקע פֿערדעלעך און מיט גרויסע וועגענער שטרוי און האָלץ, און שבת שפּאַצירן דאָרטן ייִדישע יונגעלײַט מיט כּלות[16] און קלייבן שוואַרצע יאַגדעס[17]...מיטן מויל. אַ פֿײַנע שטיקל אַרבעט ! מיט די הענט טאָר מען דאָך ניט[18].

אויסערן דניעפּר איז דאָ אַן אָזערע[19] ; אַ ליבע, אַ ברייטע אָזערע. באַשאַפֿן איז זי פֿון ששת־ימי־בראשית[20] אָן כּדי צו דרייען אַ מוראדיקע[21] וואַסערראָד[22] פֿונעם גרויסן מיל, וואָס שטייט אין סאַמע שפּיץ יבשה[23], צווישן דניעפּר און אָזערע. אַז ייִדן, אָנגעגעסענע מיט טשאָלנט, קוקן אַראָפּ אינעם דאָזיקן וואַסער־ראָד, ווערט זיי ניט גוט. זאָגן זיי, אַז גלײַכער איז ניט צו קוקן, פֿונדעסטוועגן קוקן זיי. (...)

אויף יענער זײַט אָזערע, וועלכע שפּיגלט זיך צווישן די גראָע הײַזקעס און פֿעלד, זעט מען ווי די בהמות[24] גייען פֿון פּאַשע[25]. לויפֿט פֿאָרויס אַ רויטע בהמה – וועט מאָרגן זײַן אַ הייסער טאָג. און טאָמער אַ שוואַרצע בהמה – איז אַ סימן[26], אַז מאָרגן וועט רעגענען. ס'איז אַן אויסגעפּרוּווטע זאַך.

אַז מע שנײַדט זיך דאָרט אײַן אַ פֿינגער, לייגט מען צו שפּינוועבס[27]. וואָס מער פֿאַרשטויבט, אַלץ בעסער איז די רפֿואה[28]. אַ מאָל פֿאַרהיילט זיך דער פֿינגער, אַ מאָל ווערט ער געשוואָלן. אָבער צו לייקענען[29] אין דעם בראַוון, אומזיסטן מיטל האָט קיינער די העזה[30] ניט. (...)

אין דאָרטיקן וואַלד וואַקסט אַ מין האַרטע, גלאַנצנדיקע גראָז ; זעט אויס ווי הויכע טונקל־גרינע האָר... אָן אַ קאָפּ. מע רופֿט עס „זובראָווקע“. אַז מע צערײַבט עס אין האַנט, שפּירט מען אַ שאַרפֿן ריח פֿון צימרינג[31]. גויים קלײַבן עס אין לאַנגע פּעקלעך, אַזוי ווי חזיר־האָר[32]. ייִדן קויפֿן עס און מאַכן דערפֿון אַ נאַליווקע[33], וואָס איז געזונט צום מאָגן...

אָט אינעם דאָזיקן גראָז וואָלט זיך מיר געוואָלט אויסציִען זיך, פֿאַרלייגן די פֿיס ווי אַ שער, די אָרעמס אונטערן קאָפּ און אויסרוען זיך נאָך צוואַנציק יאָר נע־ונד זײַן[34]. (...)

און שוין אַ צײַט מיט יאָרן, אַז מיר גלוסט זיך נעמען אַ ביסל משקה[35] מיט די דאָרטיקע ייִדן. וואָרום אַז די דאָרטיקע ייִדן נעמען אַ ביסל בראָנפֿן[36] אין שטיבל[37], אָדער אויף אַ שׂימחה[38], נעמען זיי עס ניט גלאַט אַזוי. יעדער קעלישאָק[39] וויגט זיך אויף ווערטעלעך, זיפֿצעלעך, שמייכעלעך, קוקעלעך, ווינקעלעך, וואָס איינס, דאַכט זיך, קלעפּט זיך ניט צום צווייטן און פֿונדעסטוועגן האָט עס אַ טיפֿן זין. (...)

באָר סיהאָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך האָב אומזיסט געהאָפֿט. אָט דאָ ניט לאַנג איז געקומען אַן אורח[40] פֿון יענע מקומות[41], אַן עמיגראַנט, און ער האָט מיר דערציילט גאָר מאָדנע זאַכן (...)

די וועלדער אַרום און אַרום האָבן אויסגעהאַקט צעבונטעוועטע[42] גויים נאָך אין קערענסקיס[43] צײַטן . און נאָך זובראָווקע און רויטע יאַגדעס דאַרף מען גיין אַ סך, אַ סך וויאָרסטען[44] ביז מע געפֿינט זיי.

די גרויסע מיל, צוליב וועלכער די אָזערע איז באַשאַפֿן, האָט אָפּגעברענט, נאָר די מוראדיקע וואַסערראָד איז געבליבן. זי רירט זיך ניט פֿון אָרט און פֿוילט אין אַ גרינער בלאָטע. (...)



**אַן אַלטע מיל מיט אַ וואַסערראָד**

ניטאָ קיין בעלי־בתּים[45] און ניטאָ קיין פּאַשע. בהמות לויפֿן ניט פֿון סטאַדע[46], ניט רויטע און ניט שוואַרצע... ווייסט מען ניט וואָס מאָרגן וועט זײַן; צי עס וועט זײַן הייס, צי עס וועט רעגענען. (...)

אַז ייִדן מאַכן לחיים, מאַכן זיי עס זייער זעלטן, שטילערהייט און בקיצור[47]. און וואָס זיי ווינטשעווען און וועמען זיי ווינטשעווען בשעת מעשׂה[48], טאָר מען גאָרנישט דערציילן...

בין איך אַרומגעגאַנגען עטלעכע טעג מיט אַ שווערן געמיט, און באַשלאָסן שטעלן אַ מצבֿה[49] אויף דעם וואָס איז געווען און אונטערגעגאַנגען. און אָט – אָנגעשריבן אַ בוך !

4

1. remonter (comme la mèche d’une lampe à pétrole)/turn up (like the wick of an oil lamp) 2. économe/thrifty 3. pétrole/kerosene 4. NER TOMID lumière perpétuelle/eternal light 5. grande synagogue (qui reste fermée en dehors des grandes fêtes)/the large synagogue (so-called because it is used only on rare occasions) 6. châles/shawls 7. REYKHES *sing.* REYEKh odeur/smell 8. pain au cumin/bread with carroway seeds 9. baies/berries 10. perrons/porchs 11. promis/predestined one 12. abeilles (fém.)/bees (fem.) 13. pins/pines 14. ça et là/here and there 15. Polésie/Polesia 16. KALES fiancées/girlfriends 17. myrtilles/blueberries 18. *c.-à-d.*, à cause du Shabbat/*i.e.* because of the Sabbath 19. lac/lake 20. SHEYSHES YEMEY BREYSHES *lit.* les six jours de la Création, *c.-à-d.*,depuis les temps les plus reculés/*lit.* the six days of Creation, *i.e.* since long, long ago 21. MOYREDIKE effrayant, *ici* immense/frightful *here* huge 22. roue à aube/water wheel 23. YABOSHE terre ferme/dry land 24. BEHEYMES bétail/cattle 25. reviennent du pâturage/return from pasture 26. SIMEN signe/sign 27. toiles d’araignée/cobwebs 28. REFUE remède/remedy 29. désavouer/disavow 30. HOZE culot/nerve 31. cannelle/cinnamon 32. KHAZER... soies de porc/pig bristles 33. boisson alcoolisée/alcoholic beverage 34. NAVENAD... errance/wandering 35. MASHKE spiritueux/spirits 36. spiritueux/spirits 37. oratoire/prayer house 38. SIMKHE fête/celebration 39. petit verre/small glass 40. OYREKh גאַסט 41. MEKOYMES régions/parts 42. révoltés/rebellious 43. Kerensky (février/February 1917) 44. verstes , 1067 mètres/verst, 2/3 of a mile 45. BALEBATIM propriétaires/owners 46. troupeau/herd 47. BEKITSER rapidement/in haste 48. BESHAS MAYSE à ce moment-là/meanwhile 49. … MATSEYVE ériger un monument funéraire/set up a memorial stone.

# מאַרגעריטקעלעך[1]

## איינס פֿון די גאָר באַקאַנטע לידער
## פֿון זלמן שניאור



אין וועלדל בײַם טײַכל , דאָרט זײַנען געוואַקסן
מאַרגעריטקעלעך, עלנט און קליין –
ווי קלייניקנע זונען, מיט ווײַסינקע שטראַלן[2],
מיט ווײַסינקע טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

געגאַנגען איז חוהלע[3] שטיל און פֿאַרחלומט[4],
צעלאָזן די גאָלד־בלאָנדע צעפּ[5],
דאָס העלדזל אַנטבלויזט[6] און געמורמלט, געזונגען
אַ לידעלע : טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

דאָ קומט איר אַנטקעגן אַ בחור[7] אַ שלאַנקער[8],
מיט לאָקן[9] מיט שוואַרצע ווי פּעך[10],
ער פֿלאַמט מיט די אויגן און ענטפֿערט איר לוסטיק,
און ענטפֿערט איר : טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

– וואָס זוכסטו דאָ, מיידל ? וואָס האָסטו פֿאַרלוירן ?
וואָס ווילסטו געפֿינען אין גראָז ?
איך זוך מאַרגעריטקעס, פֿאַררויטלט[11] זיך חווה
פֿאַררויטלט זיך, טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

– דו זוכסט נאָך ? און איך האָב שוין טאַקע געפֿונען
די שענסטע מאַרגעריטקע אין וואַלד,
אַ מאַרגעריטקע מיט צעפּ און מיט אויגן סאַפֿירן,
מיט אייגעלעך טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

– ניין, כ׳האָב שוין מאַרגעריטקעס, איך האָב זיך פֿאַרגעסן –
איך זוך... דאָ ניט ווײַט איז אַ קוואַל[12]...
– דער קוואַל איז געשלאָסן, אָן מיר בלײַבסטו דורשטיק
בײַם קוואַלכעלע, טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

– איך וויל גאָר ניט טרינקען. איך זוך מיר אַ שאָטן[13],
די זון באַקט אַרײַן אַזוי הייס...
– מײַנע האָר זײַנען שוואַרצער און קילער ווי שאָטנס
אין וועלדעלע – טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

דורשטיק מײַן מיידעלע, מיד איז מײַן קלייניקנע,
צי מעג מען זי נעמען בײַם האַנט ?
צי מעג מען זי גלעטן, צי מעג מען זי קושן ?
צי מעג מען נאָר... טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

– אָ לאָז מיך, מע טאָר ניט ! די מאַמע זאָגט, מ׳טאָר ניט,
מײַן מאַמע איז אַלט און איז בייז.
ווּ מאַמע ? וואָס מאַמע ? דאָ זײַנען נאָר ביימער,
נאָר ביימעלעך טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

– מען זעט ! – קיינער זעט ניט – מען הערט ! – קיינער הערט ניט,
דאָס וועלדל איז בלינד און געדיכט[14].
אומאַרעם[15] מיך, זיסע. דו זעסט, איך בין רויִק,
איך קוש דיך נאָר – טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

– דו ליבסט מיך ? – איך ליב דיך. – דו שעמסט דיך ?
– איך שעם מיך.
טאָ ליב מיך און שעם דיך און שווײַג.
און זע ווי עס מישן זיך פּעך־שוואַרצע קרויזן[16]
מיט גאָלדענע... טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

די זון איז פֿאַרגאַנגען, דער בחור פֿאַרשווּנדן,
און חוהלע זיצט נאָך אין וואַלד.
זי קוקט אין דער ווײַטנס און מורמלט פֿאַרחלומט
דאָס לידעלע : טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.



1. marguerites/daisies 2. rayons/rays 3. KHAVELE 4. FARKHOLEMT rêveuse/dreamy 5. *sing*. צאָפּ nattes/braids 6. découvert/bare 7. BOKHER jeune homme/young man 8. élancé/slim 9. boucles/curls 10. *exp*. noir comme la poix/pitch black 11. rougit/blushes 12. source/well 13. ombre/shade 14. dense/thick 15. *germanisme* : enlace-moi/ *Germanism*: embrace me בעסער : נעם מיך אַרום 16. boucles/curls.

# זלמן שניאורס לעבן און שאַפֿן

ז למן שניאור איז געווען צווישן די סאַמע גרעסטע מחברים[1] פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, אי אויף העברעיִש אי אויף ייִדיש. ער איז געבוירן אין 1887 אין שקלאָוו (ווײַסרוסלאַנד), אין אַ חסידישער[2] משפּחה וואָס האָט געשטאַמט פֿונעם לובאַוויטשער רבין שניאור זלמן פֿון ליאַדי[3], איז ער אַדורך דעם טראַדיציאָנעלן חינוך[4]. צו 11 יאָר אַרויס פֿון חדר און באַקומען, צוזאַמען מיט דער ווײַטערדיקער רעליגיעזער דערציִונג, אויך אַ וועלטלעכע אין אַ מלוכישער[5] שול. צו 13 יאָר פֿאַרלאָזט ער די היים, וואָס איז אים געוואָרן צו ענג. דרײַ יאָר לעבט ער אין דער גרויסער שטאָט אָדעס, וווּ ער באַקענט זיך מיט דער ייִדישער אינטעליגענץ (ביאַליק, ליליענבלום, ראַבניצקי, דובנאָוו).

ער דעביוטירט אין 1902 מיט קינדער־לידער אויף העברעיִש און אַ ביסל שפּעטער דערשײַנען זײַנע ערשטע לידער אויף ייִדיש, אין מ. ספּעקטאָרס „ייִדישע פֿאָלקסצײַטונג“. צו 20 יאָר איז ער שוין אַ באַקאַנטער שרײַבער אויףביידע שפּראַכן. אויף העברעיִש האָט די קריטיק אים געהאַלטן פֿאַר איינעם פֿון די גרעסטע פּאָעטן פֿון זײַן דור. זײַנע לידער אויף ייִדיש זענען געווען גאָר פּשוט און געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז מע האָט זיי געזונגען אויף דער גאַס. זײַן פּראָזע, דער עיקר אויף ייִדיש, איז געווען אַ רײַכע און אַ באַנײַערישע.

ער איז אַ סך אַרומגעפֿאָרן : אין וואַרשע האָט ער געאַרבעט ווי אַ סעקרעטאַר בײַ פּרצן, אין ווילנע פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע ווערק אין פֿאַרשיידענע צײַטשריפֿטן. פֿון 1906 אָן פֿאָרט ער אַרום איבער אייראָפּע און באַזוכט צפֿון[6]־אַפֿריקע. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געפֿינט ער זיך אין בערלין. אין 1923 קלײַבט ער זיך אַריבער קיין פּאַריז , וווּ ער שטודירט פֿילאָסאָפֿיע, ליטעראַטור און נאַטור־וויסנשאַפֿט אין אוניווערסיטעט. ער אַנטלויפֿט אין 1940 קיין אַמעריקע, בלײַבט דאָרט אַ צען יאָר און באַזעצט זיך לסוף[7] אין ישׂראל. דאָרט וווינט ער ביז זײַן טויט אין 1959.

שניאור האָט אָנגעשריבן גאַנצע 60 בענד[8] : מע קען דערמאָנען די ראָמאַנען *אַ טאָג אין עולם־הזה*[9], *דער ממזר*[10], *די משומדתטע*[11], *קיסר און רבי*[12] און פֿינף בענד פֿון *נח*[13] *פּאַנדרע*. 150 מעשׂיות וועגן זײַן שטעטל שקלאָוו האָט ער געזאַמלט אין אַזעלכע ביכער ווי *שקלאָווער ייִדן* און *שקלאָווער קינדער*. ער האָט געשילדערט דאָס אַלטע קליינשטעטלדיקע לעבן אין זײַן גאַנצער קאָמפּלעקסקייט, פּראָסטע ייִדן מיט זייערע סתּירות[14], שטרעבונגען, ליבעס, זייער לויפֿן נאָך פּרנסה, די ברוטאַלקייט נאָר אויך די שיינקייט פֿונעם טאָג־טעגלעכן לעבן. אין זײַן בענקשאַפֿט האָט ער געוואָלט, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, „אויפֿשטעלן אַ מצבֿה[15]“ אויף אָט דער פֿאַרשווונדענער וועלט.

1. auteurs/authors 2. KHSIDISHER hassidique/Chasidic 3. SHNEYER-ZALMEN de/of Liady 4. KHINEKH éducation 5. MELUKHISHE publique/public (state) 6. TSOFN nord/north 7. LESOF finalement/finally 8. volumes *sing.* דער באַנד 9. OYLEM HAZE ici-bas, les plaisirs terrestres/this world, worldly pleasures 10. MAMZER bâtard/bastard 11. MESHUME'DESTE FÉM. DE/OF משומד MESHUMED renégate/renegade 12. KEYSER tsar/czar 13. NOYEKH Noé/Noah 14. contradictions 15. MATSEYVE pierre tombale, monument/gravestone, monument.

## אַן אינטערוויו מיט
# דאַניעל ראָזנשפּיר־פּעלע*

**ווי אַזוי איז אײַך געקומען אין זינען איבערצוזעצן זלמן שניאורס „שקלאָווער ייִדן“ ?**

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אין אוניווערסיטעט פּאַריז 7 אויף רחל ערטעלס ייִדיש־סעמינאַר וווּ מע האָט געאַרבעט איבער דעם דאָזיקן בוך. איך האָב געדאַרפֿט האַלטן אַ רעפֿעראַט וועגן איין קאַפּיטל. כּדי בעסער צו באַהערשן[1] מײַן אַרבעט האָב איך דעם קאַפּיטל איבערגעזעצט. נאָכן רעפֿעראַט האָט מען מיך געבעטן צו לייענען די איבערזעצונג און ביסלעכווײַז האָט זיך אַנטוויקלט דער פּראָיעקט איבערצוזעצן און אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

**פֿאַר וואָס איז דער פֿראַנצייזישער טיטל אין גאַנצן אַנדערש פֿונעם טיטל אויף ייִדיש ?**

ערשטנס וואָלט אַ טיטל וועגן ייִדן וואָס וווינען אין אַ שטעטל שקלאָוו גאָרנישט געמיינט פֿאַר פֿראַנצייזישע לייענערס. צווייטנס איז „שקלאָווער ייִדן“ געווען אין אָנהייב בלויז אַ קליין ביכעלע מיט איין איינציקער דערציילונג. שפּעטער האָט שניאור צוגעגעבן אַנדערע דערציילונגען. איך האָב באַשלאָסן אויסצוקלײַבן אַ טיטל וואָס האָט אַ שײַכות[2] מיט אַלע דערציילונגען. דער פּעטער אורי איז איינער פֿון די הויפּט פּאַרשוינען פֿון שטעטל.

**וואָס איז געווען דאָס שווערסטע פֿון אײַער אַרבעט ?**

קודם־כּל[3] דאַרף איך זאָגן אַז ס'איז געווען אַ מחיה[4] צו אַרבעטן איבער אַזאַ בוך ווײַל די שפּראַך פֿון זלמן שניאור איז אַ פּאָעטישע, אַ טעמעוודיקע[5], וואָס קלינגט מיט אַ ווונדערלעכער מעלאָדיע. מע דאַרף אויך באַמערקן די פֿאַרשידנקייט[6] פֿון די מעשׂיות און זײַערע אַטמאָספֿערן. דער מחבר[7] קען אי באַשרײַבן די קאָלירפֿולע קלייניקייטן פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן (ווי דער מאַראַנץ[8] וואָס קומט אָן אין שטעטל און מע ניצט אים אויס אַ גאַנץ יאָר), אי רעדן פֿון קינדער וואָס פֿילן בײַ זיך די ערשטע האַרצקלאַפּענישן פֿון ליבע, אי דערציילן אַ שרעקלעכע מעשׂה פֿון אַ יונג מיידל וואָס מע פֿאַרקויפֿט זי צו אַן אַלטן רײַכן מאַן. אַלץ איז געשריבן מיט סענסואַליטעט. צוויי שוועריקייטן האָב איך געטראָפֿן – זלמן שניאור שרײַבט מיט אַ סך מעטאַפֿאָרן, אַ גאַנצע ריי אַדיעקטיוון וואָס ציִען זיך איינער נאָכן אַנדערן, אַ גאַנצע מגילה[9] וואָס מע קען נישט לאָזן אַזוי אויף פֿראַנצייזיש. די צווייטע שוועריקייט איז אַ גראַמאַטישע. שניאור שרײַבט אין דער פֿאַרגאַנגענער צײַט, וואָס איז אומבאַקוועם[10] אויף פֿראַנצייזיש. זייער לאַנג האָב איך נישט געקענט באַשליסן וועלכע צײַטפֿאָרעם[11] צו ניצן און סוף־כּל־סוף[12] האָב איך אויסגעקליבן די איצטיקע צײַט. ס'איז אויך געווען די פֿראַגע פֿון זײַן ריזיקן[13] וואָקאַבולאַר און די אַלע לאָקאַליזמען וואָס ער ניצט, אָבער דאָס זענען די געוויינטלעכע שוועריקייטן וואָס מע טרעפֿט ווען מען זעצט איבער.



זלמן שניאור

**איבערזעצערין פֿון *שקלאָווער ייִדן*** *Danièle Rozenszpir-Peylet

1. maîtriser/master 2. SHAYKHES rapport/relevance 3. KOYDEM KOL avant tout/first of all 4. MEKHAYE grand plaisir/great pleasure 5. TAMEVDIK savoureux/flavorful 6. variété/variety 7. MEKHABER auteur/author 8. orange 9. ...MEGILE *exp.* une kyrielle/a whole string 10. gênant/awkward 11. temps/tense 12. SOFKL-SOF en fin de compte/finally 13. vaste/huge..

# אַ פֿרומער פֿויגל

## אויף די שפּורן פֿונעם בוטשאַן אין דער ליטעראַטור :

## אַ לינגוויסטישע אויספֿאָרשונג פֿון שמעון נויבערג

**א**ין פֿאַרלעצטן נומער פֿון *ייִדישן טעם־טעם* האָט זיך געדרוקט סוצקעווערס ליד : „מײַן חבֿר דער בוטשאַן[1]"... אַ פֿרײַנדלעכער פֿויגל פֿליט און די מחשבֿות[2] פֿונעם פּאָעט פֿליִען מיט אים. לאָמיר אויך נאָכפֿאָלגן אַ ביסל די שפּורן פֿון די „שוועבנדיקע פֿידלען"[3] – נישט אין דער לופֿטן נאָר אין די שוואַרצע פּינטעלעך[4] וואָס צעשיטן זיך[5] פֿון זיי אויף פּאַפּיר, אין דער ליטעראַטור הייסט עס, נאָך איידער זיי קומען צו פֿליִען צו סוצקעווער אין די לידער !

דער בוטשאַן האָט יתרוס נעמען[6] ! ער הייסט אויך „באָטשאַן", „באָציאַן", „בושל", „בושיק"... און „שטאָרך" בלע"ז[7]; און ער האָט אומעטום אַ שם[8] פֿאַר פֿרומקייט : נישט בלויז בײַ די אומות־העולם[9] („פּיאַ אַוויס" אויף לאַטײַן)... הייסט ער דאָך אויך אויף העברעיִש „חסידה[10]" !

פֿון וואַנען נעמט זיך אַזאַ נאָמען ? די אַנטיקע לעגענדע (וואָס מע געפֿינט בײַ אַריסטאָפֿאַנעס) זאָגט אַז דער בושל האָדעוועט זײַנע קינדער אין זײַן נעסט ביז זיי ווערן גענוג גרויס – דאָס טוען דאָך אַ סך אַנדערע פֿייגל אויך – אָבער ווען ער ווערט אַלט און ער קען שוין נישט אַליין געפֿינען זײַן צערונג[11], קומען אים צו הילף זײַנע געטרײַע קינדער. ער היט אָפּ, הייסט עס, כּיבוד־אָבֿ־ואם[12]. און דאָס טוט נאָר ער צווישן אַלע פֿייגל !

וועגן אַן אַנדער מין פֿויגל דערציילט טאַקע גליקל האַמיל[13] אַזאַ משל : אַ טאַטע־פֿויגל וואָס טראָגט זײַן קינד אַריבער דעם ים און פֿרעגט בײַ אים צי ער וועט אים אויסהאַלטן און העלפֿן אויף דער עלטער. אַז דאָס פֿויגלקינד זאָגט אים אַז יאָ, ווייסט דער אַלטער פֿויגל באַלד אַז עס איז אַ ליגן און וואַרפֿט אים אין ים אַרײַן : נישט יעדער פֿויגל קען זײַן אַ צדיק – און אַ שפּריכוואָרט וואָס געפֿינט זיך שוין אין דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור, זאָגט : אַ מאַמע קען צען קינדער צופֿרידן שטעלן, אָבער צען קינדער ניט איין מאַמע.



**אַ נעסט בוטשאַנעס פֿון א. שטיינבאַרגס**
**מעשׂה : האָלצשניט פֿון אַרטור קאָלניק**

אָבער דעם בושלס פֿרומקייט איז אַלט־באַקאַנט און פֿאַרשפּרייט אויך בײַ די ייִדן. אין תּנך איז פֿאַראַן אָט די „חסידה" און אַלע זענען מסכּים אַז דאָס איז שוין נישט קיין אַנדער פֿויגל ווי נאָר אַ באָטשאַן. אַזוי זאָגט אויך מענדעלע מוכר־ספֿרים אין זײַן געגראַמטער באַאַרבעטונג פֿון „פּרק שירה[14]" – טאָמער איר דאַרפֿט אַ גרויסן אויטאָריטעט אויף דעם !

דערפֿאַר איז זיכער נישט קיין צופֿאַל דאָס, וואָס אליעזר שטיינבאַרג[15] שרײַבט אין זײַן מעשׂהלע וועגן דעם קוף – דער אות וואָס אין אַלף־בית שטייט ער אויף איין פֿוס לעבן דעם צדיק. דער קוף האָט אַ מאָל געוואָלט זען די וועלט איז דער אות פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿויגל, אַ „ביסיק", וואָס איז, ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, שטאַרק ענלעך צו אַ באָטשאַן (אַ געטרײַ פּאָרל, אַ נעסט אויף אַ דאַך – און ערשט די בילדער), מסתּמא נאָך אַ נאָמען פֿאַר אונדזער אַלעמענס חבֿר !

ווי עס איז דעם קוף ווײַטער געגאַנגען, און וואָס עס איז געשען אַז ער האָט זיך באַגעגנט אויף דער וועלט מיט אַנדערע ביסיקעס און ביסיקיכעס[16], וועל איך אײַך נישט ווײַטער דערציילן, איר קענט מסתּמא שוין דאָס מעשׂהלע – אָדער איר וועט אין גיכן לייענען – אָבער פֿון דער מעשׂה קען מען נאָך אַ מאָל אָפּלערנען אַז דעם צדיק (אין דעם פֿאַל דעם קוף) אויף דער וועלט גייט אַלע מאָל מיט דער פּוטער אַראָפּ[17].

ביכער וואָס ווערן דאָ דערמאָנט :

– אַריסטאָפֿאַנעס : *די פֿייגל*, שורה 1353 און פֿאָלגנדיקע

– גליקל האַמיל : זכרונות. זע אין דער אויסגאַבע פֿון דוד קויפֿמאַן (פֿראַנקפֿורט/מ., 1896) ז. 15-17 ; אין דער מאָדערנער ייִדישער איבערזעצונג פֿון יוסף בערנפֿעלד (מוסטערווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור 26, בוענאָס־אײַרעס (1967), ז. 33-35

– איגנאַץ בערנשטיין : ייִדישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן. וואַרשע 1908

– מענדעלע מוכר־ספֿרים : פּרק שירה. (אין די אויסגאַבעס פֿון פֿאַרלאַג „מענדעלע" ז. 55)

– אליעזר שטיינבאַרג : מײַסעלעך, טשערנאָוויץ 1936, ז. 83 און פֿאָלגנדיקע

1. cigogne/stork 2. MAKhSHOVES pensées/thoughts 3. אַ מעטאַפֿאָר פֿונעם בושל געניצט אין סוצקעווערס אַ ליד 4. אַן אָנגענומענער מעטאַפֿאָר פֿאַר ייִדישע אותיות 5. se déversent/are scattered 6. YISRES... אַ סך נעמען de Jethro dans la Bible qui avait de multiples noms/from the Biblical Jethro, who had many names 7. BELA'Z dans une langue étrangère/in a foreign language 8. SHEM réputation 9. UMES-HAOYLEM "les nations" (les non-Juifs)/"the nations of the world, i.e., Gentiles 10. KHSIDE 11. nourriture/food 12. KIBED AV V'EYM (commandement d'honorer père et mère/commandment to honor father and mother 13. Glükl Hameln (1645-1724) auteur de célèbres mémoires en yiddish/famous for her memoirs in Yiddish 14. PEYREK SHIRE זייער אַלטע רעליגיעזע געזאַנגען 15. Eliezer Shteynbarg (1880-1932) auteur de célèbres fables et contes/celebrated author of fables and children's stories 16. ווײַבלעכע פֿאָרעם פֿון ביסיק 17. exp. avoir la malchance/to have bad luck.

(סוף פֿון זײַט 1)

ס'וועט אויך זײַן אַ גוטע זאַך פֿאַר די וואָס קענען נישט גיין אין אַ ביבליאָטעק אָדער וואָס האָבן נישט קיין סך אָרט אין דער היים. און בײַ יונגע־לײַט וואָס האָבן נישט מורא פֿאַר קיין טעכנאָלאָגיע וועט עס אַוודאי ווערן אַ באַליבט[33] לייען־מיטל[34]. זיי וועלן עס אַרומטראָגן אין קעשענע – צוזאַמענען מיטן טעלעפֿאָן !

אַ סך מענטשן האָבן שוין אַ דערפֿאַרונג[35] אַרײַנצוקוקן אין ביכער אָדער צײַטונגען אויפֿן עקראַן. אַפֿילו צווישן די לייענערס פֿונעם *ייִדישן טעם־טעם* געפֿינען זיך אַזעלכע וואָס לייענען אים נישט אויף פּאַפּיר נאָר אויף אינטערנעט. פֿאַר אָט די טעכנאָלאָגיש־אַוואַנסירטע, וועט זײַן בלויז אַ קליינער שפּרונג פֿון אינטערנעט־צײַטשריפֿטן ביז עלעקטראָנישע ראָמאַנען. און נאָך איין מעלה[36] – פֿון איצטער אָן וועט אונדז קיינער מער נישט נודיען[37] מיט דער אייביקער פֿראַגע : אויב איר וואָלט געפֿאָרן אויף אַן אומבאַוווינטן[38] אינזל, וואָס פֿאַר אַ בוך...

33. préféré/favorite 34. moyen, support/means, medium 35. expérience 36. MAYLE qualité, avantage/virtue, advantage 37. enquiquiner/bother 38. déserte, inhabitée/desert, uninhabited.

# הענט און פֿיס

מענטשן האָבן צוויי **הענט** און צוויי **פֿיס**. אויף אַנדערע שפּראַכן איז אַ האַנט בלויז ביזן געלענק[1] נאָר אין ייִדיש רופֿט מען „האַנט“ דעם גאַנצן אָרעם. זיכער מעג מען אויך ניצן דאָס וואָרט „אָרעם“ נאָר געוויינטלעך זאָגט מען אַז, צום בײַשפּיל, אַ מאַמע טראָגט אַ קינד **אויף די הענט**, אָדער דער עולם[2] טראָגט אַ באַליבטן ספּאָרטסמאַן **אויף די הענט**. ווען אַ מענטש איז פֿעיִק[3] זאָגט מען אַז ער האָט **קלוגע הענט** אָדער אַפֿילו[4] בעסער **גאָלדערנע הענט**. ווען ער איז אומגעלומפּערט[5] האָט ער **ליימענע**[6] **הענט**. אַ גנבֿ[7] האָט **לאַנגע הענט** און אַ ליידיק-גייער[8] זיצט **מיט פֿאַרלייגטע הענט**[9]. דער וואָס גיט צדקה[10] גיט **מיט אַ ברייטער האַנט** און אַ מענטש וואָס גיט זיך אין גאַנצן ניט קיין מי[11] **טוט נישט די האַנט אין קאַלט וואַסער אַרײַן**. אַ זאַך וואָס איז נייטיק וויל מען האָבן **צו דער האַנט**[12], און אַן אידעע אין וועלכער מע גלייבט ניט **מאַכט מען אַוועק מיט דער האַנט**. ווען מע האָט נישט קיין כּוח[13] און מע ווייס ניט וואָס צו טאָן פֿילט מען זיך **אָפּהענטיק**[14]. מעווישט אָפּ די הענט מיט אַ **האַנטעך**[15], ווען ס'איז קאַלט טראָגט מען **הענטשקעס**[16] און די שפּראַך וואָס גנבֿים רעדן צווישן זיך רופֿט מען **הענטשקע-לשון**[17].

**פֿיס** זענען אויך נייטיק, אין דער שפּראַך ווי אין לעבן. אַ גערדאַנק וואָס האָט נישט קיין זינען זאָגט מען אַז ער איז **אָן הענט און פֿיס**. אַ מענטש וואָס איז נאַריש ווייס **ניט פֿון זײַנע הענט און פֿיס**.




אַ פֿוס הייבט זיך אָן פֿון די שפּיץ פֿינגער[18] און גייט ביז אַרויף, ביז גאָר אויבן ווו מע זעט אים מער נישט. אַז מע וויל זאָגן אַז אַ מענטש איז אַ קענער, וואָס פֿאַרשטייט ווי אַזוי עס דרייט זיך די וועלט, זאָגט מען אַז ער **ווייס פֿון וואַנען די פֿיס וואַקסן**. פֿיס קען מען האָבן פֿלינקע[19] צי דראָבנע[20] צי קרומע[21]. ווען מע טוט עפּעס גיך טוט מען עס **אויף איין פֿוס**. ווען מע דאַרף אַנטלויפֿן נעמט מען **די פֿיס אויף די פּלייצעס**. און אַז מע וויל עמעצן שטערן[22] צי אָפּטאָן אַ שפּיצל[23], **שטעלט מען אים אונטער אַ פֿיסל**. איינער וואָס גייט צו פֿוס איז אַ **פֿוסגייער**. „די פֿוסגייער“ איז אויך געווען דער נאָמען פֿון אַ באַוועגונג אין רומעניע סוף 19טן יאָרהונדערט וואָס פֿלעגט פֿאַרזאַמלען ייִדן צו גיין צו פֿוס ביז צו די דײַטשישע פּאָרטן כּדי צו פֿאָרן קיין אַמעריקע. אויב אַ מענטש וויל זיצן באַקוועם[24] קען ער אַרויפֿלייגן די פֿיס אויף אַ **פֿוסבענקל**[25]. און אַ פֿוסבענקל איז (לויט איין טראַדיציע) דאָס וואָס אַ פֿרומע ייִדישע טאָכטער ווערט פֿאַר איר מאַן ווען זי שטאַרבט און גייט אין גן־עדן[26]. נאָר זינט דער אויפֿקום פֿון דער פֿרויען־רעכט־באַוועגונג איז אָט די פּריווילעגיע געוואָרן אַ סך ווייניקער פּאָפּולער.




אַ פֿוס קען אויפֿהייבן טיפֿע דיאַלעקט־פֿראַגעס. בײַ פּוילישע ייִדן זאָגט מען איין „פֿיס“ און צוויי „פֿיס“, ווייס מען ניט אויף וויפֿל פֿיס מע שטייט. בײַ די ליטוואַקעס איז נאָך ערגער, ווײַל „פֿיס“ קען באַטײַטן אי דאָס וואָס מע שטייט אויף זיי... אי דאָס וואָס מע עסט „סאַבעס“ בײַם „טיס“ !

1. poignet/wrist 2. OYLEM public 3. capable 4. AFILE même/even 5. maladroit/awkward 6. en argile/(made of) clay 7. GANEF *plur.* GANOVIM voleur/thief 8. fainéant/idler 9. les bras croisés/with arms folded 10. TSDOKE charité, aumône/charity, alms 11. effort 12. avoir sous la main/to keep handy 13. KOYEKh force, courage/strength 14. désarmé, impuissant/helpless 15. serviette (de toilette)/towel 16. gants/gloves 17. ...LOShN 18. bouts de doigts (mains et pieds)/tips (of fingers or toes) 19. agiles/nimble 20. petits/small, fine 21. tordus/crooked,lame, ungainly 22. contrarier/disturb 23. jouer un tour/play a prank 24. confortablement/comfortably 25. repose-pieds/footstool 26. GAN EYDN Paradis/Paradise 27. אינעם פוילישן דיאַלעקט רעדט מען אַרויס דעם [ו] ווי אַ [י], צום בײַשפּיל, אַ בוך ווערט אַ [ביך] 28. אינעם ליטווישן דיאַלעקט פֿאַרמישט מען דעם [ש] מיטן [ס]


אין דעם נומער האָבן
מיטגעאַרבעט :
אַלכּסנדר, אַניק,
ברוניד, גאָלדע,
זשיל, יצחק, לאָראַן
נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי





מעדעם־ביבליאָטעק
Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
E-mail : medem@club-internet.fr



AEDCY
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03